ווידער בלאָזן זיי „תקיעה, תרועה, תקיעה", און, בלאָזנדיג מיט די טרומייטן, גייען זיי ווייטער, ביז זיי קומען צו דעם מזרח־טויער. ווען זיי קומען דאָרטן אָן, דרייען זיי זיך אום מיט די פּנים׳ער צו מערב און זאָגן: „אונזערע אורעלטערן פלעגן אויף אָט דעם אָרט שטיין מיט די רוקנס צו גאָט׳ס הויז און מיט די פּנים׳ער צו מזרח און זיך בוקן צו דער זון, אָבער מיר — צו גאָט זיינען אונזערע אויגן". [44])

ערשט איצט, ווען עס לייכט שוין אויף טאָג, עפנט מען די טויערן פון „הר־הבית", און דער פאַרזאַמלטער עולם פון דער עזרה גייט אהיים.

## דער זיבעטער און אַכטער טאָג

די דאָזיגע צערעמאָניעס און פּאַראַדן חזר׳ן זיך איבער אויך אין די אַנדערע טעג און אָוונטן פון דעם יום־טוב. אָבער דעם זיבעטן טאָג סוכות אין־דער־פרי איז דער צערעמאָניאַל נאָך פיל פייערלעכער. אָנשטאָט איינמאָל, גייען די כהנים אין דעם טאָג זיבן מאָל הקפות אַרום דעם מזבח. דערצו נאָך קלאַפּט מען אין דעם דאָזיגן טאָג מיט צווייגן אָן דער ערד אַרום די זייטן פון מזבח.

דערמיט איז פאַרענדיגט די פייערונג פון סוכות. די קינדער צע־נעמען גלייך די לולבים און כאַפּן עסן די אתרוגים.

אויף מאָרגן איז שמיני־עצרת, אַ ספּעציעלער אַכטער טאָג יום־טוב אַלס אָפּשלוס־פייערונג פון סוכות. [45]) עס איז דער לעצטער טאָג סוכות, אָבער אָן אַלע סימבאָלן זיינע: אָן דער סוכה, אָן דעם לולב און אָן די ווערבעס.

עס איז שמיני־עצרת פאַרנאַכט. באַלד איז אויס יום־טוב. די עולה־רגל׳ניקעס גרייטן זיך שוין צו גיין צוריק אהיים. אין בית־המקדש איז מען איצט מקריב דעם אָוונט־אָפּפער פון דעם טעגלעכן קרבן. שטייען אידן אין דער „עזרה" און קוקן, צו וועלכער זייט עס בויגט זיך דער רויך פון מזבח. דאָס איז אַ סימן, זאָגן זיי, וואָס פאַר אַ גערעטעניש עס וועט זיין קומענדיגן יאָר. בויגט ער זיך צו צפון, פרייען זיך די אָרימע לייט און עס ווערן אומעטיג די רייכע; ווייל דאָס ווייזט אויף אַ יאָר מיט אַ סך רעגן. אין אַזאַ יאָר איז ביליג שפּייז און האַלטן די לאַנד־פּראָדוקטן אויף ספּעקולאַציע קען מען ניט, ווייל זיי ווערן פאַרפוילט. בויגט ער זיך צו דרום, ווערן אומעטיג די אָרימע לייט און עס פרייען זיך די רייכע; ווייל דאָס ווייזט אויף אַ יאָר מיט ווייניג רעגן. אין אַזאַ יאָר איז טייער שפּייז, און די לאַנד־פּראָדוקטן זיינען טרוקן און מ׳קען זיי האַלטן. בויגט ער זיך צו מזרח, זיינען אַלע פריילעך; ווייל דאָס ווייזט אויף אַ יאָר, וואָס וועט פאַר אַלעמען זיין גוט. בויגט ער זיך צו מערב, זיינען אַלע אומעטיג; ווייל דאָס ווייזט אויף דעם מזרח־ווינט, וואָס טריקנט אויס

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
דאס יום טוב בוך שויס, חיים עמוד מס: 149 הודפס ע"י אוצר החכמה